גערעדט די המונים מענטשן, אַז זיי זאָלן פֿאַרלאַנגען
בר־אַבֿאָן, ישוען אָבער צו לאָזן אומברענגען. און 21
דער גובֿערנאַטאָר האָט ענטפֿערנדיק צו זיי געזאָגט:
וועלכן פֿון די ביידע ווילט איר, אַז איך זאָל אייך
באַפֿרייען? און זיי האָבן געזאָגט: בר־אַבֿאָן! זאָגט 22
פּילאַטוס צו זיי: און וואָס זאָל איך טאָן מיט ישוען,
וואָס מען רופֿט אים משיח? זאָגן אַלע: ער זאָל
געקרייציקט ווערן! און ער האָט געזאָגט: וואָס פֿאַר 23
אַ בייז האָט ער דען געטאָן? זיי אָבער האָבן נאָך
מער געשריגן, אַזוי צו זאָגן: ער זאָל געקרייציקט
ווערן! און ווען פּילאַטוס האָט געזען, אַז ער 24
פֿועלט גאָרנישט, נאָר אַז עס ווערט אַ גרעסערע
מהומה, האָט ער גענומען וואַסער און זיך אָפּגעוואַשן
די הענט פֿאַר דעם המון מענטשן, און געזאָגט: איך
בין אומשולדיק וואָס שייך דעם דאָזיקן צדיקס
בלוט; איר זעט. און דער גאַנצער עולם האָט 25
ענטפֿערנדיק געזאָגט: זיין בלוט אויף אונז, און
אויף אונזערע קינדער! דאַן האָט ער זיי באַפֿרייט 26
בר־אַבֿאָן; ישוען אָבער האָט ער געלאָזט שמייסן
און אים איבערגעגעבן, אַז ער זאָל געקרייציקט ווערן.
דערנאָך האָבן דעם גובֿערנאַטאָרס זעלנער גענומען 27
ישוען אין פּרעטאָריום אַריין, און האָבן פֿאַרזאַמלט
אַרום אים די גאַנצע אָפּטיילונג. און זיי האָבן 28
אים אויסגעטאָן, און אַרויפֿגעלייגט אויף אים אַ
פּורפּור מאַנטל. און געפֿלאָכטן אַ קרוין פֿון דערנער 29
און די אַרויפֿגעזעצט אויף זיין קאָפּ, און האָבן אים
געגעבן אַ רוט אין זיין רעכטער האַנט; האָבן געבויגן
די קני פֿאַר אים, און אָפּגעשפּאָט פֿון אים, אַזוי צו
זאָגן: שלום צו דיר, קעניג פֿון די יידן! און האָבן 30
געשפּיגן אויף אים, און גענומען די רוט און אים גע־
שלאָגן אויפֿן קאָפּ. און ווען זיי האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָט 31